**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/13/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פערמאנענטע באשיצונג פון 14,600 אקער פון עקאלאגיש-אייגנארטיגע און היסטאריש-באדייטנדע עדיראַנדעק וועלדער, זומפיגע לענדער און טייכל**

***נייע רעגירונג-פריוואטע פארשונג גרופע וועט ווייזן די וועג פאר ויסנשאפטליכע פארשונג פון גלאבאל-זעלטענע עקאלאגישע סיסטעם ביי פאַלענסבי טייכל***

***נייע קאנסטרוקציע באגרעניצונג אפמאך וועט ערמעגליכן נייע צוטריט צו פארוויילונג פאר די פובליקום צו די טייכל וואס גיסט זיך אריין אין די רעקעט ריווער***

***מאפע און בילדער פארעפנטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א היסטארישע אפמאך מיט The Nature Conservancy צו פערמאנענטערהייט באשיצן מער פון 14,600 אקער פון עקאלאגיש-זעלטענע און קולטוריש-באדייטנדע נאטורליכע קוועלער אין די עדיראַנדעקס דורך צוויי אפהיטונג אפמאכן ('איזמענט' קאנטראקטן צו באגרעניצן די באנוץ פון לאנד דורך אייגנטימער) און א פארשונג גרופע אינציאטיוו מיט די ניו יארק סטעיט רעגירונג. די צוזאמענארבעט וועט ערמעגליכן נייע צוטריט פאר די פובליקום צו פארוויילונג אין די רעקעט ריווער ראיאן און עס וועט אוועקשטעלן אן ערשטמאליגע זיסע-וואסער טייכן פארשונג פרעזערוו צו פאראויס רוקן מיטגעטיילטע וויסנשאפט איבער עקאלאגישע סיסטעמען (סיסטעמען פון מערערע סארטן באשעפענישן און פלאנצונגען וואס לעבן צוזאמען אין א געוויסע סביבה) וואס לעבן אין זיסע וואסער. די אפמאך טוט פערמאנענט באשיצן די פאַלענסבי טייכל און די וואוינארט פאר באשעפענישן און פלאנצונגען וואס געפונט זיך אין די היים שטחים פון די האָדענאשאָני און אַבענאַקי שבטים און וואו ראלף וואלדאָ עמערסאן האט אויפגעשטעלט זיין "פילאסאפן'ס לאגער".

"ניו יארקער און באזיכער צו דעם ספעציעלן ראיאן פון די עדיראַנדעקס האבן שוין לאנג אנערקענט די איינציגארטיגע שיינקייט און באדייט פון די פאַלענסבי טייכל און די רעקעט ריווער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אין צוזאמענארבעט מיט The Nature Conservancy און מיט פילע שותפים, טוהען מיר פרעזערווירן אן אייגנארטיגע נאטורליכע אוצר כדי אלע ניו יארקער זאלן קענען געניסן פון דעם טייער-געהאלטענעם און היסטארישן ראיאן פאר פילע קומענדיגע דורות."

די עקאלאגיש-, היסטאריש- און קולטוריש-באדייטנדע שטח געפונט זיך הויפטזעכליך אין די טאון אָוו העריעטסטאון, מיט א חלק דערפון אין די טאון אָוו טאַפּער לעיק, אין פרענקלין קאונטי. די שטח פון 14,645 אקער איז צום ערשט אפגעקויפט געווארן דורך The Nature Conservancy אין 2008, און עס נעמט אריין 10 מייל פון ברעגעס אויף די רעקעט ריווער און די 958-אקער-גרויסע פאַלענסבי טייכל. די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( ,Department of Environmental Conservation DEC) און The Nature Conservancy זענען אריין אין קאנטראקטן פאר די סטעיט צו איינקויפן די צוויי לאנד באנוץ-באגרעניצונג אפמאכן וואס וועלן פירן צו א קריטישע באלאנס צווישן באריי כערטע פארוויילונג

געלעגנהייטן אין א פלאץ נעבן די סטעיט לאנד פרעזערוו לענדער און צו באשיצן א גלאבאל-זעלטענע עקאלאגישע סיסטעם, בשעת'ן אנערקענען די לאנג-טערמיניגע קשרים וואס ארטיגע שבטים האבן מיט דעם ראיאן. די אפמאכן זענען לעצטנס אראפגעשריבן געווארן אונטער קאנטראקט און זענען ערווארטעט צו געשלאסן ווערן אנהויב 2024.

**דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "דאס פארזיכערן מער פון 14,600 אקער פון קריטיש וויכטיגע עקאלאגישע סיסטעמען איז א געווינס פאר אלע זייטן, פאר אפהיטונג און פאר אלע ניו יארקער. אין אנערקענונג פון די לאנגיאריגע פארוואלטונג דורך ארטיגע שבטים און מיט די גייסט פון עמערסאן און די גרויסע דענקער פון צוויי הונדערט יאר צוריק, ברענגען ניו יארק סטעיט און The Nature Conservancy צוזאם א גרופע פון פירנדע וויסנשאפטליכע מוחות צו שטודירן א וואסער וואס איז געבליבן פארהעלטנסמעסיג אומבארירט פאר מער פון א יאר הונדערט. די פּאַלענסבי טייכל און די דערנעבנדע וואסער וואס גיסט זיך אריין אין איר וועט דינען אלס א לעבעדיגע לאבארעטאריע פאר וויסנשאפטליכע שטודיע דורך פירנדע פובליק און פריוואטע אינסטיטוציעס. צוזאמען ברענגען די אפמאכן אן אייגנארטיגע געמיש פון בארייכערטע פארוויילונג און פארשונג געלעגנהייטן וואס האבן א גלאבאלע השפעה, דערביי ברענגנדיג א שטאנדהאפטיגע באלאנס צווישן אפהיטונג און פארוויילונג. די DEC איז באגייסטערט צו פארזעצן צו ארבעטן צוזאמען אויף די היסטארישע ענווייראמענטאלע, וויסנשאפטליכע, קולטורישע און עקאנאמישע געלעגנהייט."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון The Nature Conservancy אין ניו יארק, ביל אָלפעדער, האט געזאגט,** "קלימאט טויש איז אנגעוואנדן אין מער אמביציעזע שריט, און די ערשטמאליגע זיסע-וואסער פארשונג פרעזערוו און וויסנשאפט גרופע ביי די פּאַלענסבי טייכל איז נאך א ביישפיל פון ניו יארק סטעיט שטייענדיג אן שפיץ מיט קלימאט און אפהיטונג איניציאטיוון. The Nature Conservancy האט זיך אפגעגעבן מיט די פּאַלענסבי טייכל פאר 15 יאר, און די פארשונג ווייזט אונז אז עס האט אייגנארטיגע עקאלאגישע אייגנשאפטן וואס מאכן עס שטאנדהאפטיג קעגן קלימאט טויש. עקאלאגישע סיסטעמען אין זיסע וואסער זענען צווישן די וואס זענען אין די גרעסטע סכנה אויפן ערדקוגל — נאכגעפאלגטע באפעלקערונגען פון באשעפענישן וואס לעבן אין זיסע וואסער זענען געפאלן מיט 83 פראצענט זינט 1970, און דערפאר קענען די זאכן וואס מיר זעצן פאר צו לערנען דא האבן גלאבאלע השפעות. מיר ווילן באדאנקען גאווערנער האקול און קאמישאנער סעגאָס פאר זייער פירערשאפט אויף קלימאט און פאר זייער שותפות ביים באשיצן די געוואלדיגע 14,600-אקער-גרויסע שטח. מיר זענען באגייסטערט צו אריינגיין אין א שותפות מיט די DEC צו צושטעלן מער פארוויילונג געלעגנהייטן לענגאויס די רעקעט ריווער; מיט די דערנעבנדע Wild Center צו באטראכטן בילדונג געלעגנהייטן; און מיט די SUNY קאלעדזש פון ענווייראמענטאלע וויסנשאפט און וועלדערײ'ס Center for Native Peoples and the Environment (צענטער פאר ארטיגע שבטים און די ענווייראמענט) צו שאפן געלעגנהייטן צו אריינגעמען אין באטראכט די פריאריטעטן, קוק ווינקלען און טראדיציאנאלע עקאלאגישע וויסנשאפט פון ארטיגע שבטים."

**רעקעט ריווער פארוויילונג צוטריט אפמאך**
די רעקעט ריווער אפהיטונג אפמאך רעכנט אריין 5,985 אקער נעבן די רעקעט ריווער, אריינרעכענענדיג די אונטערשטע 'מוּס קריק' טייכל. די אפמאך וועט ברענגען נייע גאר-באגערטע געלעגנהייטן פאר צוטריט פון די פובליקום לענגאויס 10 מיילן פון די טייך, וואס איז טייל פון די אייקאנישע [נארטערן פארעסט קענאָו טרעיל](#) און א חלק פון די לענגסטע קענאָו רוּט אין די עדיראַנדעקס וואס לויפט 90 מייל צווישן אלד פאָורדזש און סערענעק לעיק. די ריווער איז אויך א פאפולערע פישעריי דעסטינאציע, אויסהאלטנדיג פארשידנארטיגע סארטן פיש וואס זענען פאפולער צו כאפן פאר די ספארט.

די אפמאך וועט שטיצן נייע פובליק פארוויילונג אקטיוויטעטן ווי קעמפינג, פיקניקס, הייקינג, יאגד, כאפן פיש און אנדערע אקטיוויטעטן וואס וועלן פארגעלייגט ווערן אין א צווישנצייטיגע פארוויילונג פלאן

(Interim Recreation Plan) וואס ווערט יעצט געשריבן. באזונדערס, ווען פישעריי און פעדלען געלעגנהייטן זיין צוגעשטעלט אויף מוּס קריק און ביווער ברוק וועלכע האבן אויסערגעוועגטליכע ברוּק טראַוט פיש וואס מען קען כאפן. מענטשן וואס גייען אויף יאגד וועלן קענען צוקומען צו נייע ווייטערע לאקאציעס. עקזיסטירנדע יאגד ליעסעס אויף די פולע פראפערטי וועלן פארזעצן. די שטח פון די אפמאך געפונט זיך נעבן די DEC'ס 275,000-אקער-גרויסע היי פיקס ווילדערנעס קאמפלעקס.

**פאַלענסבי טייכל פארשונג פרעזערוו אפמאך און גרופע**

די פאַלענסבי טייכל אפהיטונג אפמאך נעמט אריין 8,660 אקער, אריינרעכענענדיג די פאַלענסבי טייכל און די ארומיגע וואסערן. אין 1858 איז פאַלענסבי געווען די פלאץ פון די "פילאסאפן'ס לאגער", צוזאמברענגענדיג ראלף וואלדאָ עמערסאן און אנדערע דענקער, קונסטלער און וויסנשאפטלער צו איינס פון די עדיראַנדעקס'ס מערסט בארימטע און איינפלוסרייכע צוזאמקומען. עס איז אויך די לאקאציע וואו די DEC האט ערפאלגרייך צוריק אריינגעברענגט די ווייסקעפיגע אדלער אין די עדיראַנדעקס אין 1983. די זיסע וואסער פארשונג פרעזערוו וועט ערמעגליכן קאנטראלירטע צוטריט פאר וויסנשאפטליכע און בילדונג צוועקן און פאר די קולטורישע מנהגים פון ארטיגע שבטים, אריינרעכענענדיג צערעמאניעס, צוזאמקומען און קלייבן געוואוקסן.

די טייכל'ס אייגנארטיגע געמיש פון טיפקייט, צורה, הייעך און היסטאריע מיט פישעריי מאכט דאס פאר א גאר ספעציעלע פארשונג געלעגנהייט וואס וועט שטיצן ניו יארק'ס פיש וויסנשאפט פאר די צוקונפט. געפונענדיג זיך אויף א הייעך פון 1,545 פיס, און מיט איר 102-פיס-טיפע וואסער אין די צורה פון א וואנע, איז די פאַלענסבי טייכל אוועקגעשטעלט צו קענען בלייבן פארהעלטנסמעסיג קאלט און שטאנדהאפטיג קעגן קלימאט טויש. פאַלענסבי איז אויך איינס פון בלויז ניין איבערבלייבנדע לעיקס אין די אונטערשטע 48 סטעיטס וואס האלטן נאכאלץ אויך א זעלטענע, אור-אלטע באפעלקערונג פון ווילדע לעיק טראַוט פיש וואס זענען נישט געכאפט געווארן צופיל פאר פילע יארן. די אייגנשאפטן צוזאמען גיבן פאר וויסנשאפטלער א זעלטענע געלעגנהייט צו שטודירן אן אומבארירטע באפעלקערונג און לערנען איבער וויאזוי קלימאט טויש און אנדערע ענווייראמענטאלע אייגנשאפטן קענען האבן א השפעה אויף אזא סארט באשעפעניש איבער די צייט.

צוזאמען מיטן ערנסטן פערמאנענטע באשיצונג פון די עקאלאגיש-באדייטנדע ראיאן, שטעלן The Nature Conservancy און די DEC אוועק א 'פאַלענסבי פארשונג פרעזערוו' גרופע צו שטיצן וויסנשאפטליכע פארשונג און לאנג-טערמיניגע נאכפאלגונג אין א פלאץ וואו מען קען אויך לערנען. די גרופע – וואס, וואו עס האלט יעצט, רעכנט אריין די DEC, The Nature Conservancy, קארנעל אוניווערסיטעט, די Paul Smith’s College Adirondack Watershed Institute, סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק קאלעדזש פאר ענווייראמענטאלע וויסנשאפט און וועלדעריי ( State University of New York College of Environmental Science and Forestry, SUNY ESF), פאראייניגטע שטאטן פיש און ווילדע באשעפענישן סערוויס (Fish and Wildlife Service) און U.S. Geological Survey – וועט אנטוויקלען א פארשונג אגענדע צו נאכפאלגן ענווייראמענטאלע ענדערונגען אונטער די השפעה פון א ווארעמערע קלימאט צו גיבן אינפארמאציע איבער די וויסנשאפט פון פיש ביי די פאַלענסבי טייכל און אריבער די וועלט. די פארשונג וועט צושטעלן די נויטיגע כלים צו קענען לערנען און אויפקומען מיט סטראטעגיעס צו קאנטראלירן און פארבעסערן די אויסגעצייכנטע פישעריי פון וואס מענטשן געניסן אריבער גאנץ ניו יארק און אויך צו גיבן נויטיגע אינפארמאציע פאר די קאנטראל און באשיצונג פון פיש ארויס פון די סטעיט'ס גרעניצן.

אין צוגאב צו פארשונג איבער די עקאלאגישע השפעות פון קלימאט טויש אויף עקאלאגישע סיסטעמען אין קאלטע וואסערן, וועלן לעיק טראַוט פיש, סיסקאָ און ברוּק טראַוט פיש אויך אינטענסיוו שטודירט ווערן צו זיכער מאכן אז די ארטיגע אייקאנישע פיש זעצן פאר צו בליהען אין די עדיראַנדעקס פאר פילע

צוקונפטיגע דורות פון פישכאפער. די פארשונג פרעזערוו וועט דינען אלס א גלאבאלע דעסטינאציע פאר פארשער און אלס א מוסטערהאפטיגע מאדעל פאר די אפהיטונג פון זיסע-וואסער טייכן.

א פלאן פאר קאנטראלירטע צוטריט צו די פאַלענסבי טייכל וועט אנטוויקלט ווערן דורך The Nature Conservancy אין צוזאמענארבעט מיט גרופע מיטגלידער, לאקאלע קאמיוניטי מיטגלידער און בעאמטע און אנדערע שותפים. די פלאן וועט ארייננרעכענען געלעגנהייטן פאר די פובליקום זיך צו באטייליגן אין אקטיוויטעטן ווי באזוכן מיט טור גיידס פאר חינוך'דיגע, וויסנשאפטליכע און קולטורישע צוועקן. די אפמאכן זענען ניי מיט דעם וואס זיי גיבן אויך געלעגנהייטן צו צוריקשטעלן צוטריט פון ארטיגע שבטים צו די היים לענדער פון זייערע אור עלטערן און זיך אפגעבן מיט די לענדער. The Nature Conservancy'ס שותפות מיט SUNY ESF'ס Center for Native Peoples and the Environment וועט העלפן ווייזן די וועג צו ארייננעמען אין באטראכט די פריאריטעטן, קוק ווינקלען און טראדיציאנאלע עקאלאגישע וויסנשאפט פון ארטיגע שבטים.

**סטעיט סענאטאר פיט הארקהעם האט געזאגט,** "די נייע אפמאך צו באשיצן כמעט 15,000 אקער אין די עדיראַנדעקס איז א זיג פאר לאנד אפהיטונג דא אין ניו יארק. עס איז גאר וויכטיג אז מיר זאלן היטן אויף אונזערע אומבארירטע וועלדער און נאטורליכע אוצרות פאר צוקונפטיגע דורות, און די אייגנארטיגע שותפות צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן צווישן The Nature Conservancy און די סטעיט'ס דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג איז א מוסטערהאפטיגע עררייכונג אין די הינזיכט."

**אסעמבלי מיטגליד מעטיו סימפסאן האט געזאגט,** "טרעפן די באלאנס צווישן פרעזערווירן לאנד און צוטריט פאר די פובליקום איז א געווינס פאר אלע זייטן ביים באשיצן די אומבארירטע לאנדשאפט פון די עדיראַנדעקס. כדי צו ווייטער גיין מיט די ציהל, בשעת'ן אויך גיבן פריאריטעט פאר וויסנשאפטליכע פארשונג פון אונזערע נאטורליכע עקאלאגישע סיסטעמען איז אן אמת'ע עדות איבער די געוואלדיגע סטעיט אָוו ניו יארק'ס שטאנד אלס א גלאבאלע פירער אין מאדערנע אפהיטונג און פארוואלטונג פון לענדער. איך אפלאדיר גאווערנער קעטי האקול, The Nature Conservancy און די פילע פארמישטע קערפערשאפטן וואס זענען געווען פארמישט פאר זייער אנגייענדע פארפליכטונג צו גיבן פריאריטעט פאר די עדיראַנדעקס אלס די צענטראלע עלעמענט פון אונזערע ציהלן פאר ענווייראמענטאלע אחריות'דיגקייט."

**אסעמבלי מיטגלידערין דעבארע דזש. גליק האט געזאגט,** "די פערמאנענטע באשיצונג פון כמעט 15,000 אקער אין און ארום די פאַלענסבי טייכל און די רעקעט ריווער אין די עדיראַנדעקס איז געוואלדיגע נייעס פאר נאטור אפהיטונג אקטיוויסטן, פארשער, דרויסנדיגע אוואנטוריסטן און פאר אלע ניו יארקער. פונקט אזוי וויכטיג איז די באשיצונג פון די זיסע וואסער פרעזערוו פון די אייגנארטיגע וואוינארט פון באשעפענישן אין די טייכל, וואס וועט אונז גיבן א שאצבארע דרויסנדע פארשונג לאבארעטאריע. די פאנדעמיע האט דערמאנט פאר אזויפיל מענטשן איבער די וואונדערבארע דרויסנדיגע אוצרות וואס זענען דא פאר אונז אלע, און די אפהיטונג אפמאך וועט גיבן נייע געלעגנהייטן אין די פרישע לופט, פון שיפלען ביז הייקינג און מער. פראיעקטן פון די סארט דערמאנען אונז ווי קריטיש עס איז צו מאכן אנגייענדע אינוועסטירונגען אין די ענווייראמענטאלע באשיצונג קאסע פאר די באשיצונג פון עקאלאגיש-אייגנארטיגע ראיאנען און פאר די אפהיטונג פון אפענע שטחים."

**טאון אָוו העריעטסטאון סופערווייזער, דזשארדענע מעלעק, האט געזאגט,** "איך בין אזוי פרייליך אז The Nature Conservancy און די DEC זענען געקומען צו אן אפמאך אויף די קולטוריש- און ענווייראמענטאל-באדייטנדע ראיאן. איך קוק ארויס צו זעהן די צוזאמענארבעט ווערנדיג אויסגעפירט מיט די צוגעקומענע צוטריט פאר פעדלער שיפלעך, די וואס גייען אויף יאגד און פישכאפער לענגאויס די

רעקעט ריווער, און איך בין באַגייסטערט איבער די ארבעט און בילדונג געלעגנהייטן וואס די פארשונג גרופע וועט ברענגען."

**טאָון אָוו טאָפּער לעיק סופּערוויזער, ריק דאַטאָולע, האט געזאָגט,** "די טאָון אָוו טאָפּער לעיק קוקט ארויס צו די נייע עפּאכע אין די אנגייענדע אנטוויקלונג פון די פאַלענסבי טייכל און די אומבארירטע ערד ארום. די רייכע היסטאריע פון די פאַלענסבי טייכל שטח איז געקניפּט און געבינדן מיט די רייכע היסטאריע פון די טאָון אָוו טאָפּער לעיק. אזוי ווי די קשר אנטוויקלט זיך יעצט צו די געמיינזאמע בענעפיט פון אקאדעמיע, וויסנשאפט, סטעיט און לאקאלע רעגירונג און אזוי ווייטער — בלייבן מיר אפּטימיסטיש אז די ארויסקומענדע עקאנאמישע און פארווייילונג געלעגנהייטן וועלן אויך ברענגען געמיינזאמע בענעפיטן פאר די בירגער פון די טאָפּער לעיק און די נארט קאָנטרי און אז עס וועט אויך גיבן אייגנארטיגע פארווייילונג און בילדונג ערפארונגען פאר מענטשן פון אריבער די גאנצע סטעיט און לאנד. מיר קוקן ארויס צו די אנגייענדע צוזאמענארבעט, און מיר גראטולירן אלע צדדים אויף די באדייטנדע אפמאך."

**עדיראַנדעק פארק לאקאלע רעגירונג איבערזיכט באורד ( Adirondack Park Local Government Review Board) עקזעקיוטיוו דירעקטאר, דזשעראלד דעלעיני סיניאר, האט געזאגט,** "די פארזיכטיג געשריבענע אפמאך מיט The Nature Conservancy באשיצט און באריכערט פארווייילונג געלעגנהייטן אויף די פאַלענסבי שטח. עס אנערקענט די וויכטיגקייט פון די עדיראַנדעק יאגד קלאָבס וואס זענען א חלק פון די מאטעריאל פון וואס די עדיראַנדעק קולטור איז געמאכט בשעת'ן באשיצן און שאפן א וויסנשאפטליכע שטודיע ראיאן מיט מערערע שותפים פון א שטאנדהאפטיגע פאַלענסבי טייכל און די פארבינדענע עקאלאגישע סיסטעם. די צוגעלייגטע בענעפיט חוץ פון אלעס איז די טורס פון די 'פילאסאפן'ס לאגער' און די טייכל. עס איז די בעסטע סארט עקאלאגישע טוריזם — צוציהענדיג באזיכער און וויסנשאפטלער וואס וואלטן קיינמאל מעגליך נישט געמאכט די נסיעה אהין ווען נישט די אפמאך. א דאנק פאר גאווערנער האקול, קאמישאנער סעגאָוס און The Nature Conservancy פאר זייער פירערשאפט וואס האט געפירט צו די גוט-דורכגעטראכטע פלאן."

**שרייבער און ענווייראמענטאליסט, ביל מעקקיבען, האט געזאגט,** "2023 האט געזעהן העכערע טעמפעראטורן אויף די פלאנעט פון צום וויניגסטנס 125,000 יאר; דאס איז די אינפארמאציע וואס מען דארף וויסן פאר די וויכטיגע אנאנס אז קלימאט פארשער וועלן קענען אויסנוצן א קריטישע 'דאקומענטירטע' רעקארד פון די פארגאנגענהייט, מיט א ריזיגע באדייט פאר די צוקונפט."

**Trout Unlimited וויצע פרעזידענט פאר מזרח אפּהיטונג, קיט קוירלי, האט געזאגט,** "די אפּהיטונג אפמאכן אין די וואסערן ארום די רעקעט ריווער און די פאַלענסבי טייכל פארשונג גרופע זענען א ברכה פאר די אפּהיטונג פון ווילדע טראַוט פיש אין ניו יארק. Trout Unlimited באדאנקט און אפּלאדירט אונזערע פריינט ביי די ניו יארק DEC און The Nature Conservancy פארן אונז ברענגען אומגעפער 10 מייל פון עפנטליכע צוטריט צו די רעקעט ריווער און אייגנארטיגע שוץ מאסנאמען פאר לעיק טראַוט פיש אין די פאַלענסבי טייכל."

**Center for Limnology ביי די אוניווערסיטעט פון וויסקאנסין-מעדיסאן דירעקטאר, דזשעיק וואנדער זאנדען, האט געזאגט,** "דורכן אויפשטעלן א זיסע וואסער פארשונג פרעזערוו און וויסנשאפט גרופע ביי די פאַלענסבי טייכל, האבן ניו יארק סטעיט און The Nature Conservancy אוועקגעשטעלט א וויכטיגע מוסטער פאר די באשיצונג און פארשונג פון זיסע-וואסער טייכן אין די פאראייניגטע שטאטן און נאך ווייטער. די אינציאטיוו איז א באגייסטערנדע אנטוויקלונג פאר די אפּהיטונג און פארשונג פון זיסע-וואסער טייכן ארום די וועלט, און עס איז באזונדערס וויכטיג נעמנדיג אין באטראכט די וואקסנדע דרוקן און שוועריגקייטן וואס עקאלאגישע סיסטעמען אין זיסע וואסער שטייען אויס."

**די Wildlife Conservation Society עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט פון פובליק אנגעלעגנהייטן, דזשאן קאלוועלי, האט געזאגט,** "ביי די Wildlife Conservation Society, זענען מיר פארפליכטעט צו באשיצן די לעצטע ווילדע פלעצער וואס שטייען נאך אומבארירט, וואס האבן פארשידנארטיגע באשעפענישן און פלאנצונגען און זענען די מערסטע שטאנדהאפטיג קעגן קלימאט טויש. די שעפערישע אפמאך צווישן The Nature Conservancy און ניו יארק סטעיט צו אפהיטן די 14,600-אקער-גרויסע רעקעט ריווער און די פאַלענסבי טייכל שטח און צו אויפשטעלן א דורכברעכנדע זיסע-וואסער פארשונג פרעזערוו איז א גלאבאל-וויכטיגע ביישפיל פון די סארט אפהיטונג איניציאטיוון וואס זענען נויטיג צו אדרעסירן די השפעות פון קלימאט טויש און צו העלפן ווילדע באשעפענישן זיך צופאסן און איבערלעבן."

**פאראייניגטע שטאטן פיש און ווילדע באשעפענישן סערוויס צפון-מזרח ראיאנישע דירעקטארין, וועודי וועבער, האט געזאגט,** "פאַלענסבי איז א געוואלדיגע פלאץ פאר וויסנשאפטלער צו האלטן חשבון פון די השפעות פון די קלימאט וואס קענען גיבן די נויטיגע אינפארמאציע פאר די פארוואלטונג פון אנדערע לעיקס און פישערייען סיי אין די צפון-מזרח וואלד ראיאן און אריבער די אפאלאטשן בערג. זיסע-וואסער טייכן וואס זענען וואוינערטער פאר באשעפענישן געפונען זיך נישט גענוג אין די וועלט'ס אפגעהיטענע ראיאנען, און מיר זענען דערפרייידט צו זיין טייל פון די נייע סארט צוזאמענארבעט."

**יו-עס געאלאגישע איבערזיכט (U.S. Geological Survey, USGS) ניו יארק וואסער וויסנשאפט צענטער דירעקטאר, ראבערט בראַו, האט געזאגט,** "די USGS פירט שוין דורך ענווייראמענטאלע פארשונג און נאכפאלגונג אריבער די עדיראַנדעקס פאר איבער א יאר הונדערט, און זי האלט טייער די געלעגנהייט צו זיין א מיטגליד פון די גרופע וואס וועט ווייזן די וועג פאר די קלימאט פארשונג אגענע און העלפן גיבן די נויטיגע אינפארמאציע פאר געזעצגעבער, די וואס פארוואלטן אויף מיטלען און פאר די פובליקום ביים מאכן באשלוסן וואס וועלן העלפן בויען א מער שטאנדהאפטיגע צוקונפט."

**SUNY קאלעדזש פון ענווייראמענטאלע וויסנשאפט און וועלדעריי פרעזידענט, דזשאָועני מעהאָוני, האט געזאגט,** "די SUNY קאלעדזש פון ענווייראמענטאלע וויסנשאפט און וועלדעריי איז שוין פון לאנג א שותף מיט The Nature Conservancy ביים באקוקן די וויסנשאפטליכע, היסטארישע און קולטורישע ווערט פון פאַלענסבי דורכן אפהאליטן 'בייאָו-בליץ' קאמפיינען פאר סטודענטן, טורס ביי די 'פילאסאפן'ס לאגער' און – מיט די שותפות מיט אונזער Center for Native Peoples and the Environment – די אויפשטעלונג פון א מער אמת'דיגע שילדערונג פון די קשר פון ארטיגע שבטים מיט די פאַלענסבי טייכל, צוזאמען מיטן צוריקגעבן פאר ארטיגע שבטים די צוטריט צו- און אפגעבונג מיט די היים לענדער פון זייערע אור עלטערן. מיר קוקן ארויס צו אויסברייטערן אונזער ראלע אלס א מיטגליד אין די גרופע און דורכפירן קלימאט פארשונג וואס וועט דינען די לאנג-טערמיניגע אינטערעסן פון אלע ניו יארקער."

**דירעקטאר פון די Center for Native Peoples and the Environment, דר. ראבין וואל קימערער, האט געזאגט,** "עס איז דא וואקסנדע באווייזן פון איבעראל ארום די וועלט אז פארשידנארטיגקייט פון מינים באשעפענישן און פלאנצונגען בליהט אונטער די פלעגונג פון ארטיגע מענטשליכע באפעלקערונגען. צוזאמען מיט אונזערע שותפים, קוקן מיר ארויס צו שאפן געלעגנהייטן פאר פרוכטבארע צוזאמענארבעט צווישן טראדיציאנאלע עקאלאגישע וויסנשאפט און אפהיטונג וויסנשאפט באזירט אויף געמיינזאמע רעספעקט, אויסטויש פון מיטלען און וויסנשאפט און מיטגעטיילטע צוטריט. זיך אפגעבן מיט לאנד אויף א וועג וואס שפיגלט אפ די קוק ווינקלען און פריאריטעטן פון ארטיגע שבטים האט די פאטענציאל צו פארשטערקערן די וואוילזיין פון לאנד און קולטורן אין די אויסערגעווענטליכע לאנדשאפט פון די פאַלענסבי טייך."

**דר. פיט מעקאינטייער פון די קארנעל אוניווערסיטעט דעפארטמענט פון נאטורליכע קוועלער און די ענווייראמענט האט געזאגט,** "קארנעל'ס עדיראַנדעק פישעריי פארשונג פראגראם איז קאנצענטרירט אויף די שטאנדהאפטיגקייט פון פיש באפעלקערונגען אין קאלטע וואסער, און מיר גלויבן שטארק אין די

ווערזנטליכע ראלע פון שותפות'ן צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן און לאנג-טערמיניגע פארשונג צו ווייזן די וועג פאר קאנטראלירונג וואס פאסט זיך צו לויט די אומשטענדן. די עדיראַנדעק לעיקס געפונען זיך אין א גרעסערע און גרעסערע סכנה פון האבן צו ווייניג ברענשטאף (אקסידזשען) אין די קאלטע טיפע וואסערן אויף וועלכע לעיק טראַוט פיש און אנדערע מינים פיש פארלאזן זיך אזוי ווי אונזער קלימאט טוישט זיך. מיר זענען באגייסטערט צו זיין א מיטגליד אין די גרופע ביי פאַלענסבי — די טייכל מיט די טיפקייט און גרויסקייט וואס מאכט דאס פאר א גוטע קאנדידאט פאר פארשונג איבער שטאנדהאפטיגקייט קעגן א הויכע קלימאט און איבער אויפרעכטונג פון געשעדיגטע באשעפענישן/פלאנצונגען."

**Paul Smith's College פרעזידענט, דען קעלטינג, האט געזאגט,** "די Adirondack Watershed Institute איז שטאלץ צו דינען אלס א מיטגליד פון די גרופע וואס וועט העלפן ווייזן די וועג פאר די פארשונג אגענדע און עקאלאגישע קאנטראל פון פאַלענסבי. מיר האבן געזעהן די השפעות פון קלימאט טויש אויף עדיראַנדעק זיסע-וואסער סיסטעמען ערשטהאנטיג, און עס איז גאר וויכטיג אז מיר זאלן פארזעצן צו פארגרינגערן די השפעות דורך ווייסנשאפטליכע פארשונג און אפהיטונג."

**די Wild Center עקזעקיוטיוו דירעקטארין, סטעפאני רעטקליף, האט געזאגט,** "די Wild Center באטראכט אפציעס פאר די ריזיגע פאטענציאל פון בילדונג און אויפקלערונג געלעגנהייטן ביי די דערנעבנדע פאַלענסבי טייכל. וואס מיר טוהען דאס בעסטע איז צו פארבינדן מענטשן מיט די נאטור, און די פאַלענסבי טייך אפפערט די סארט רייכע נאטורליכע היסטאריע, קולטורישע און ווייסנשאפטליכע געלעגנהייטן צו לערנען — עס איז עכט דא עפעס פאר יעדן איינעם."

**די עדיראַנדעק קאונסיל עקזעקיוטיוו דירעקטאר, ראול דזש. עגווייער, האט געזאגט,** "די פאַלענסבי טייכל איז איינס פון די דיאמאנטן פון די עדיראַנדעק פארק, און עס וועט פארזעצן צו זיין אזוי מיט די נייע אפמאך. מיט פארמערטע דרוק אויף ארטיגע ווילדע באשעפענישן קומענדיג פון קלימאט טויש, און געשעדיגטע לופט און וואסער קוואליטעט, און אזוי אויך פון פרעמדע באשעפענישן וואס דרינגען אריין אין ארטיגע סיסטעמען — וועט דאס באשיצן איינס פון די לעצטע אומבארירטע לעיק טראַוט פיש וואוינערטער פון די עדיראַנדעקס זיך אפצאלן פאר דורות. מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר The Nature Conservancy פארן זיך געוואלדיג גוט אפגעבן מיט די פאַלענסבי טייכל און פארן טרעפן א לייזונג צו א שווערע פארוואלטונג מצב וואס גיבט צוטריט צו פארוויילונג, קריטישע בילדונג און ווייסנשאפטליכע פארשונג געלעגנהייטן און אנערקענט וויכטיגע קולטורישע ווירדן פון ארטיגע שבטים. דאס איז א געווינס פאר פאַלענסבי, די מענטשן פון ניו יארק סטעיט און פאר אלע וואס האבן געזוכט שוץ פאר די אייקאנישע לאנדשאפט אין פארלויף פון די יארן."

די רעקעט ריווער און די פאַלענסבי טייכל שטחים זענעןביידע פראיעקטן וואס באקומען פריאריטעט אין די סטעיט'ס 'אפענע שטח אפהיטונג פלאן' (Open Space Conservation Plan), און זיי זענען צוזאמען די גרעסטע באשיצונג אונטערנעמונג פון אפענע שטח זינט די היסטארישע איינקויפונג פון Finch Pruyn אין 2012. די DEC וועט באצאלן פאר The Nature Conservancy אומגעפער 9.3 מיליאן דאלאר – אין צוגאב צו אנדערע קאסטן וואס וועלן קענען געדעקט ווערן – פאר די אפהיטונג אפמאכן, נוצנדיג מיטלען פון די סטעיט'ס ענווייראמענטאלע באשיצונג קאסע ( Environmental Protection Fund, EPF). די EPF שטיצט קלימאט טויש סכנה-פארמינערונג און צופאסונג באמיאונגען, עס פארבעסערט אגריקולטורישע מיטלען וועלכע שטיצן ענווייראנמענט-פריינטליכע אגריקולטור, עס וואסער קוועלער, עס שטופט פאר אפהיטונג באמיאונגען און עס שטעלט צו פארוויילונג געלעגנהייטן פאר ניו יארקער. צווישן די פילע ענווייראמענטאלע זיגן אין די 2023-24 סטעיט בודזשעט, האט גאווערנער האקול אנגעהאלטן די EPF פינאנצירונג אויף 400 מיליאן דאלאר — די העכסטע סומע פון פינאנצירונג אין די היסטאריע פון דעם פראגראם.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן